שֵׁיינֶע אַנֶעקְדָאטֶען

אויך קְלֵיינֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען אִיבֶּערְזֶעצְט פוּן
פֶּערְשִׁידֶענֶע בִּיכֶער ·

הֶערוֹיס גִיגֶעבִּין פוּן זעלִיג פוּן נַייא זַאגֶער ·

ווילנא

151

תרנ"ג

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

АНЕКДОТЕНЪ
Составилъ З. Л. Г.
Вильна Въ Типог. А. Г. Каценеленбогена
На Нѣмецкой Ул. Д. № 379—9 1893.

Дозволено цензурою Кіевъ 16 Іюля 1893 г.

1.

אַ געוויסער פראנצויזישער פרינץ האט איבער דיא מיר פון זיין טייערין גארטין וואס ער האט געהאט לעבין פאריז גילאזט אויפשרייבין דיזע ווערטער „דיזער גארטין ווירד דעם יעניגען געשיינקט ווערדען, וועלכער וועט בעוויזין דאס ער פאלקאמען צו פרידין איזט“ איין רייכער גייצהאלז (קארגער) וועלכער דיזע אויפשריפט גילעזין האט איז שנעל צום פרינץ גילאפין אונ זאגט צו אים „גנעדיגסטער פירשט איך בין דער צוא פרידענסטער מענש אויף דער וועלט אן מיר געהערט דער גארטין נאך אייער פערשפרעכין“. גייט, זאגט דער פרינץ צוא אים ווען איר ווירקליך צוא פרידין זייט מיט אייער שיקזאל, זא בארפט איר דאך ניט פערלאנגען מיין גארטין.

2.

איין ארומער פראנצויז וועלכער האט נישט מער געהאט וויא איין זומער ראק, אונ איז געגאנגען אין אגרויסין פראסט שפאצירין איבער דעם נייעם בריק אין פאריז, דער קיניג וואס איז גראדע צוא דיזער צייט פערביי געפארין פאר דיזין מענטשין האט זיך שטארק פערוואונדערט דאס אים איז ניט קאלט, אונ האט אים אלזא גיפרעגט, וויא קומט עס מיין פריינד דאס דיר איז גאר ניט קאלט אין אזויא אלייכטין ראק, אונ מיר שאודערט פאר קעלט אין מיין גוטין פוטער, גנעדיגסטער קעניג זאגט דער פראנצויז צוא אים ווען איהר מאיעסטעט זא מאכטען וויא איך ווירד איהנען ניכט פרירין אונ וויא מאכטו עס דען? פרעגט דער קעניג איך האב אן גיטאן אלע מיינע קליידער, האט געאנטווארט דר פראנצויז.

3.

אין יאר 1586 האט פיליפ דער צווייטער קעניג פון שפאניען איין יונגען איידעל מאן געשיקט צום פאבסט פון ראם סיקסטוס דעם פינפטין אלס

אַלס דיזער איז געוואָרין פֿאַבסט, אים גליק צוא ווינשין דיזער פֿאַבסט איז אָבער געוועזין שטאַרק אויף געבראַכט דאס מען האט אים זא איונגען מאַן געשיקט אונ האט געזאָגט צום געזאַנדטען וויא געפֿעלט ביין הערין דאס ער האט מיר געשיקט איונגין הערין אָן אַ באָרד? ווען מיין קעניג וואָלט זיך בעדאַכט אַז דער וואָרט באָרד בעשטייט אין פֿערדינסט, האט זיך שטאָלץ אָפ גירופֿין דער געזאַנדטער זא וואָלט ער צוא אייך אַ באָק געשיקט אונ ניט קיין איידעלמאַן וויא איך בין.

4.

איין קעניג וועלכער איז אויף געבראַכט געוועזין אויף זיין שטערין זעהער. האט אים גיפֿרעגט אין איין דראָהענדען טאָן וועלכען טויט עלענדער גלויבסטו צו שטאַרבין? איך וועל שטאַרבין פֿון פֿיבער האט גיענטפֿערט דער שטערין זעהער, דוא זאָגסט ליגין האט צוא אים גיזאָגט דער קעניג דוא וועסט שטאַרבין באַלד פֿון אַגוואַלטיגען טויט, אונ דער קעניג האט גיהייסין מען זאָל אים באַלד טייטין, וויא דער שטערין זעהער האט דאס דער הערט איז ער שרעקליך צוא שראָקין גיוואָרין, אונ האט גיזאָגט צום קעניג, גינעדיגסטער הער בעפֿעלין זיא דאס מען זאָל מיר דעם פּולס פֿילין, זא וועט מען זעהן דאס איך האב פֿיבער דיזער גוטער איינפֿאַל האט גיראַטעוועט דעם שטערין זעהער, דען ער האט ווירקליך שטאַרקע פֿיבער באַקומען פֿאַר שרעק, דער קעניג האט אים גישיינקט זיין לעבין.

5.

איין קוואַקזאַלבער (שאַרלאַטאַן) האט פֿעראָרדנעט אַקראַנקען פּויער איין ברעכמיטעל, אונ איין אָדער לאָזין. אונ פּילין וואָס ער האט דאס אַליין צו רעכט גימאַכט, אונ זאָגט צום פּויער ווען איר וועט דאס פֿערברויכען זא וועט איר גיזונט ווערין. דער פּויער וועלכער האט זיך דער שראָקין איבער דיזין מיטיל, זאָגט צום קוואַקזאַלבער מיין הער וויא וועט אָבער זיין ווען איך וועל שטאַרבין פֿון אַזעלכע מעדיצין? דען האט אים דער שאַרלאַטאַן גיענטפֿערט זאָלט איר זאָגין אַז איך בין דער גרעסטער בעטריגער אין דער וועלט.

איין

6.

איין יונגער פרינץ פון זיבן יאר איז געוועזן זייער קלוג , אונ אלע האבן זיך שטארק גיוואונדערט איבר זיין גרויסין פערשטאנד ; איין מאל איז דר פרינץ גיוועזן אין אגעזעלשאפט פון אדעלע לייט אונ אלע האבן זיך גיוואונדערט איבער דעם פרינצם פערשטאנד , איין איידיל מאן האט דאס זייער פערדראסין וואס מען לויבט אזו אקינד . אונ ער האט גיזאגט קינדער וועלכע זיינען זייער קלוג אין אזו אצארטין עלטער , זיינען נארין ווען זייא ווערין גרויס , דער פרינץ האט אים גלייך געענטפערט , מיין הער ! זיא האבן גימוזט זייער קלוג זיין אז איר זייט גיוועזין אקינד .

7.

איין פויער איז גערייטין אויף איין אייזיל , אונ ער איז פאר בייא גערייטין פערבייא איין גימונזיא בשעת דיא שטודענטין זיינען גיגאנגען מיטאג עסן , האט דער אייזיל אן גיהויבן צוא שרייען , די שטודענטין האבן שטארק גילאכט פון דעם פויער איבער דיא מיעסע שטים פון זיין אייזיל , אונ זאגין צום פויער זייער שוין לערינסטו דיין אייזיל זינגען , מיינע הערין האט זיך אפ גירופין דער פויער צוא זייא דער אייזיל איז זא שטארק אין פערגעניגין דאס ער האט דער זעהען פיל קאמעראדין (חברים) , דאס ער ווייס ניט פאר פרייד וואס צוא טאן .

8.

איין יונגער מענטש פון קליינעם פערשטאנד , וועלכער צו זיין פריינד האט גיוואלט שרייבן איין בריף , אבער ער האט ניט גיוואוסט וויא ער זאל דאס אנפאנגען האט ער גיקויפט אבריפענשטעלער אונ האט דארינען גיפונען אזוי אבריף וויא אים פאסט אונ האט דעם בריף פינקטליך אבגישריבן אונ האט צו זיין פריינד אוועק געשיקט , זיין פריינד האט אבער אויך גיהאט דעם זעלבינגין בוך אונ האט אים צום ענטפער אבגישריבן אזוי , מיין הער איך האב אייער בריף עמפאנגען אונ גילעזין קערט אים אין בריפענשטעלער דעם בלאט זא וועט איר אין אים מיין ענטפער גיפינען .

איין

9.

איין שטודענט וואס האט בעדארפט איינינע ביכער, האט ער גישריבין צו זיינעם אפריינד דאס ער זאל אים קויפין די ביכער, אונ זאל אים די ביכער מיט אגעלעגענהייט צו שיקין, דיזער פריינד האט דיזען אויפטראג ניט בעזארגט, אין אצייט נאכהער האט ער בעגעגענט דעם שטודענט, אונ דא האט ער געמיינט דאס דער שטודענט וועט אים פארווירפע מאכין ווייל ער האט פיר אים ניט געקויפט דיא ביכער האט ער צום שטודענט גיזאגט, פערצייהען זיא מיר מיין פריינד, דאס איך האב פאר אייך ניט גיקויפט דיא ביכער וועלכע איר האט מיר גיבעטין דען איך האב אייער בריף ניכט ערהאלטין.

10.

אטייץ מיט אפראנצויז זיינען גיגאנגען שפאצירין אונטערוועגינס איז פערבייא גילאפין לעבין זייא אשוויין שרייענדיג. וויא אשוויין אוי! אוי! דיזע ווידערהאלטע גרונצען דעם שווייגעס האט פעראנלאסט דעם טייצין צוא זאגין צום פראנצויז, מיין הער הערט וויא דער שוויין זאגט אלץ אוי! אוי! מען קען גלויבין אז דער שוויין שפריכט פראנצויזיש זייא האבין רעכט, האט אים דער פראנצויז גיענטפערט, דער שוויין שפריכט יא פראנצויזיש, אבער וויא פילע טייצין שפריכטער, דאס הייסט זייער שלעכט.

1.

איין גילערינטער מענטש האט פערפאסט אבוך, אין וועלכע ער האט ערקלערט דאס דער מאנד איז אויך אזו אוועלט וויא אונזערע ערד, אונ ער האט דעם בוך געשיקט צום קעניג, אונ האט אים גיוואונשין דאס ער זאל דער בעהערשער זיין איבר אים, נאכדעם האט דער קעניג גילייענט דעם בוך אונ האט אים גיענטפערט, איך דאנקע אייך זייער פאר אייער וואונש, אונ ווען איך זאל ווערין קעניג אויף דער לבנה זא וועל איך אייך דארטין מאכין צוא מיין שני למלכות.

אין

12.

אין איינעם פרילינגס טאג איז אגעוויסער גראף גיגאנגען שפאצירין אין זיין גארטין וואוהין ער האט זיין גערטנער גישיקט, נאכדעם וויא דער גראף איז דארטין גיקומען האט ער אומעטום גיזוכט דעם גארטענירער אונ האט אים ניט גיפונען, ענדליך האט ער אים דער זעהען שלאפענדיג אונטער א בוים אין שאטין, האט דער גראף אגישריא גיטאן צוא אים שלינגעל, אזו נארסטו מיר אלע מאל, איך מיין אז דוא ארבעסט אין גארטין אונ דוא שלאפסט גאר רוהיג, דוא פערדינסט ניט דיא ברויט וואס דוא עסט מיינע דוא בינסט ניט ווערט דאס דיא זון שיינט אויף דיר איך וייס דאס גאנץ גוט האט אים דער גערטנער גיענטפערט גאנץ רוהיג, דארום האב איך מיך גילייגט שלאפין אין שאטין.

13.

איין בערימטער שאוישפילער האט גיהאט דיא עהרע צוא עסין מיטאג ביא דעם פראנצויזישין קיניג לודוויג דעם פערצענטין אין דעם אז מען האט דער לאנגט צום טיש רעבהינער אין אגילדערנע שיסעל האט דער שאוישפילער זיינע אויגין דער פון ניט אב גיווענדעט וויא דער קיניג האט בעמערקט דאס דער שאוישפילער קוקט אזוי אויף דיא רעבהינער האט ער גיגלויבט אז ער האט גרויס לוכט צוא דיא רעב. יגער אונ האט גיזאגט צום בעדינטען גיב די שיסיל דעם שאוישפילער אוועק וויא? קעניגליכע מאיעסטעט האט זיך דער שאוישפילער אפ גירופין לוסטיג, אונ דיא רעבהינער אויך? דער קעניג האט פערשטאנען דעם שאוישפילערס אבזיכט אונ האט גיענטפערט יא, אונ דיא רעבהינער אויך, דורך דיזע פיינע פראגע האט ערהאלטין דער שאוישפילער ניט נור דיא רעבהינער, זאנדערין אויך, וואס עס פיל מער ווערט איינע שיינע גאלדערנע שיסיל.

14.

אמאלער האט אב גימאלט אקינד וואס האלט אין האנד אקארב
מיט

מיט פרובט, איינער האט די מאלונג זייער גירימט. אז די פייגלאך האבין גימיינט אז דאס איז ווארע פרובט, זייען זייא צו גיפלויגין אונ האבין גיפיקט דיא פרובט. איין פויער פון גיזונדין פערשטאנד האט דיא איבערטריבענע לויבונג ניט גיליטין. האט גיזאגט צו אים אין דר טהאט ווען די פרובט זייען גוט גימאלט. אזו איז דאס קינד ניט גוט גימאלט. וייל די פייגלאך האבין זיך פיר אים ניט גיפירכטעט צוא צוא פליהען •

15.

צוא דער צייט אז מען האט פארטיג גימאכט דעם נייעם בריק אין פאריז, האבין דיא אונטער נעמער גיזעהן איינען מענשין וועלכער האט זיך בעשעפטיגט דיזין בריק אויס צוא מעסטין אהנע מיט יעמאנד איין ווארט צו שפרעכין. זייא האבין אים גיהאלטין פאר אקענער. האבין זייא אים פאר בעטין אויף מיטאג שפייזין, נאכהער האבין זייא צוא אים גיזאגט אז זייא האבין גיזעהען אז ער איז בעשעפטיגט גיוועזן מיט דעם בריק אויס מעסטין, אלזא האט ער פילייכט אפלאן צוא גיגעבין אויף דעם בריק. האט ער צו זייא גיזאגט אז איר זייט זייער קלוג. דאס איר האט דעם בריק גילייגט איבער דיא בריט פון טייך. ווען איר וואלט נאך גילייגט דעם בריק אין דער לייננג פון טייך וואלט איר ניט אלס צוא קיין ענדע גיקומען •

16.

איין פראנצויזישער אלטער הויפטמאן האט גיבעטין דריגענד אז מען זאל אים צוא לאזין צוא שפרעכין מיט דעם קעניג, מען האט אים איינינע מאל אב גיוויזין. האט ער גיזאגט דאס ער האט נור איינינע ווארטין צו שפרעכין מיט דעם קעניג. דער קעניג איז גיוועזן נאייגיעריג צוא וויסין וואס פאר אווערטער קען עס זיין. האט ער גיהייסין אז מען זאל אים אריין לאזין צוא אים. וויא ער איז אריין צוא אים האט ער אים גלייך דער לאנגט אביטשריפט אין וועלכער ער בעט אים אום איין גנאדען גיהאלט אונ זאגט, שיגנעז׳ דאס הייסט אונטער איבעגען, דעם קעניג איז דער איינפאל זייער גיפעליג גיוועזן. אונ האט אונטער גיצייכענט זיין ביטשריפט אום צוא בעלוינען זיין איינפאל •

אײן

17.

איין פילאזאף האט געפרעגט ביא א שיפסקאפיטאן וואו איז זיין פאטער געשטארבין, אויף דער ריזע נאך אָסט אינדיען איז ער געשטארבין דורך א שיף ברוך. אונ וואו איז געשטארבין דיין זיידע אונ דיין זיידעס זיידע אויך אויף דעם מער האט אים געענטפערט דער שיפסקאפיטאן ווייל זיא זיינען אלע געוואָרין שיפסקאפיטאנען, אונ ווען זא, וויא ערוועגסטו זיך צוא גיין אויפין ים האט אים דער פילאזאף געפרעגט. הער פילאזאף קענען זיא זיך ערקלערין וואו איז אייער פאטער געשטארבין האט אים געפרעגט דער קאפיטאן, יא, ער איז צו:הויז געשטארבין אויף זיין בעט. אונ וואו זיינען געשטארבין אלע אייערע פארעלטערין? זייט גאנץ רוהיג אויף דיא אייגענע בעט, אוי! מיין הער זאגט דער קאפיטאן וויא וואגין זיא זיך צוא לייגין שלאפין אלע אבענד אין בעט, ווייל אלע אייערע עלטערין זיינען דארטין געשטארבין.

18.

איין קעניג אין אָסט אינדיען האט געהערט דאס אַליקסאנדער דער גרויסער איז געוואָרין דער הערשער איבער פערזיען, האט צוא אים געשיקט געזאנדטע וועלכע האבין געהאט ווייסע האר אונ שווארצע בערד. דער קעניג האט זיך שטארק געוואונדערט דאריבער אונ האט געפרעגט זיינע פילאזאפין דאס זיא זאלין אים דיזע אורזאכע ערקלערין אונד אלס אלעקסאנדערין האט זייערע ערקלערונגען גיכט געפרידיגט, האט אים איין געזאנדערטער גיזאגט, גענעדיגסטער קעניג, אונזערע קעפ האר זיינען ווייס אונ די בערד זיינען שווארץ ווייל אונזערע האר זינד מיט 20 יאהר עלטער אלס אונזערע בערד.

19.

אלפאנז דער קעניג פון נעאפעל האט גיהאט אין זיין הויף איין מענטשין וואס זאגט גלייכע ווערטליך שוט, בלאזין, וועלכער פלעגט איין שרייבין ביא זיך אין א בוך אלע נארישקייט וואס דיא האט

לייטע פלעגין טאן איין מאל האט דער קעניג געוואלט זעהען וואס עס שטייט בייא אים אין בוך אבער וויא ערשטוינט איז ער געווארין אלס ער האט גיזעהען דאס זיין נאמען שטייט אויך אין בוך דאס הייסט ער האט גיטאן אנאריסטקייט, נעמליך ער האט גיגעבין איינעם איין געוויכין ר׳ מאיר צעהען טויזינט רענדליך דאס ער זאל פיר אים אין דער בארבאריע (אמדינה) פערד איין קויפין, וואס פיר איינע טרויהייט האב איך דען דאמיט בעגאנגען, האט אים דער קעניג גיפרעגט דאס דוא האסט מיך אין דיזין בוך איין גישריבין? מיין קעניג האט גיענטפערט דער האפנאר, זייא האבין איינעם מענשין זא פיל געלד גיגעבין, וועלכער האט ניט קיין טרייע אונ גלייבין, ער וועט מיט דעם געלד אין זיין פאטערלאנד פערבלייבין, ווען ער וועט אבער מיט דיא פערד קומען, אדער ער וועט מיר דיא געלד צוריק אוועק געבין, וואס ועסטו דען זאגין, האט אים דער קעניג גיפרעגט דען האט זיך דער האפנאר וועל איך אייער נאמען אויס שטרייכען פון מיין בוך אונ וועל זיין נאמען איין שרייבין.

20.

איין האנדווערקער האט גיהאט צווייא זין, איינער איז גיוועזן זייער פויל אונ האט ליב גיהאט צוא שלאפין אונ פלעגט צוא ברייניגען דיא קאסט בארע מארגין צייט אין בעט, דער אנדערער אבער איז גיוועזן זייער פלייסיג אין דער ארבייט פון בעגינען אן, איין מאל איז ער אין דער פריא ארויס גינאנגען אונ האט גיפונען אביייטיל געלד איז ער גלייך גיקומען אהיים מיט פרייד אונ האט זיין פאטער גיוויזין זיין פונד, דער פאטער איז אריין מיט דעם בייטיל געלד צוא זיין שלאפענדיגין זון אונ האט אים אויף גיוועקט אונ ווייזט אים דיא געלד וואס זיין ברודער האט גיפונען ווייל ער איז אזוי פריא אויף גישטאנען, זעסטו פוילענצער זאגט צוא אים זיין פאטער דאס דארף פריא אויף שטיין, מיין ליבער פאטער! האט אים גיענטפערט זיין זון ווען דער וואס האט פערלארין דאס געלד וואלט נאך שלאפין וויא דען וואלט ער דאך גיוויס ניט פערלארין

איין

21.

אַיין עֶדֶעלְמַאן וֶועלְכֶער אִיז גִיוֶועזֶען וַוייט פֶּערַייזְט אוּנ שָׁאן אֵיינִיגֶע יָאהְר פוּן דֶער הֵיים הָאט עֶר בֶּעגֶעגְנֶעט אַיין לַאנְדְס מַאן פוּן זַיין גֶעגֶינְד אוּנ אַלֶס עֶר הָאט זִיךְ עֶרְקוּנְדִיגְט וָואס עֶס פִיר נַייעֶס עֶס גִיבְּט אִין זַיין הֵיימַאט, הָאט עֶר דֶעם לַאנְדְס מַאן גִיפְרֶעגְט, אָבּ עֶס זִינְד נָאךְ דָארְטִין אַזוֹי פִיל נַארִין פַארְהַאנְדִין וִויא עֶהֶעמָאלְס. נֵיין, עֶס זִינְד דָארְטִין נִיכְט מֶעהְר זָא פִיל נַארֶען אַלְס צוּא דֶער צַייט וָואס זִיא וַוארִין, דֶער עֶדֶעלְמַאן הָאט זִיךְ גִיבִּיסִין דִיא לִיפִּין אִיבֶּער דִיזֶע בַּייסֶענְדֶע אַנְטְוָוארְט אָבֶּער עֶר אִיז נִיט גִיוֶועזֶען צָארְנִיג אוֹיף אִים וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דִיזֶעס זֶעלְבְּסְט צוּא גִיצוֹיגִין אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּא אִים, אִיר שַׁיינְט מִיר נִיכְט בַּאצוּ גִיהֶערִין.

22.

אַיין בֶּעטְלֶער וֶועלְכֶער הָאט דִיזֶע גִיוֶוערְבֶּע עֶגְרִיפִּין נִיט צוּא אַרְבֶּעטִין הָאט זִיךְ אוֹיךְ בֶּעזִינֶען צוּא מַאכִין זִיךְ שְׁטוּם, אוּם דַאדוּרְךְ מֶער מִיט לַיידִין צוּא עֶרְרֶעגֶען פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין. אַיין יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִיזֶען טוֹיגֶענִיש גוּט גֶיקֶענְט, הָאט אִים טְרַייא הֶערְצִיג גִיפְרֶעגְט, דֶעם הָאט עֶר אַבַּייטִיל גֶעלְד אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן טַאש אוּנ הָאט גִיזוּכְט אַגוּטֶע מַטְבֵּעַ אִים צוּא גֶעבִין, בִּיסְטוּ שָׁאן לַאנְג שְׁטוּם? פוּן קִינְדְהַייט אָן, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער אִים גִיעֶנְטְפֶערְט, קוּים הָאט עֶר דִיזֶע וֶוערְטֶער אוֹיס גִישְׁפְּרָאכִין, אִיז עֶר גִיוָוארִין רוֹיט פִיר שַׁאנְדֶע. דָאס עֶר הָאט זַיין רָאלֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט גִישְׁפִּילְט, דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִיזֶעס בֶּענוּצְט אוּנ הָאט אִים פָארְגִישְׁטֶעלְט. וִויא שֶׁענְדְלִיךְ עֶס אִיז מִיטְלֵיידִיגֶע מֶענְשִׁין אוֹיף דִיזֶע אָרְט צוּא בֶּעטְרִיגִין, דִיזֶער פָארְפַאל הָאט גִיוִוירְקְט אוֹיף אִים דָאס עֶר הָאט אוֹיף גִיהֶערְט צוּא בֶּעטְלֶען, אוּנ הָאט אָנְגִיפַאנְגֶען וִוידֶער צוּא אַרְבֶּעטִין.

23.

אַיוּנְגֶער מֶענְש וֶועלְכֶער הָאט דוּרְךְ גִירַייזְט אֵיינִיגֶע לֶענְדֶער פְּלֶעגְט פִיל

פיל ליגין זאגין . אונ פלעגט אלם אויס געבין דאס ער האט דאס גיזעהן אלס ער האט אמאל זיך בערימט דאס ער האט אלע מאנארכין פון איירָאפא גיזעהען , האט אים אקלוגער גיפרעגט אויב ער האט אויך דיא באר דאגעלין גיזעהען , דא דער פראלער האט גימיינט דאס איז אנגיזעהענע פירשטין , זא האט ער דרייסט גיענטפערט איך האב זייא גאנץ גוויס גיזעהען נוייל איך האב מיט זייא איינינע מאל גיגעסין מיטאג .

24.

איין ערעלמאן וועלכין עס האט זיך גיענדיגט זיין ביזע קאסטין ביז אויף איין העלער , דען דיזער איז בייזענדער נאכדעם וויא ער איז אן גיקומען אין שטאט האט ער גיהערט אז מען האט פערוואורטהיילט אשיינק ווירט דאס ער זאל צעהען טאלער בעצאלין איינעם ערעלמאן דאפיר וואס ער האט דיזעס גיגעבין אפאץ , דער בייזענדער האט זיך בעשלאסין איין צוא שטיין ביי דיזין שיינק ווירט ער האט בייא אים צוא גיבראכט איינינע טעג ביז עס האט אן גיטראפין וואס ער האט בייא אים אן גיצערט זעקס טאלער אמענדע אלס ער האט אבשייד גינומען פון ווירט , האט ער אים גימאכט ארעכענונג דאס ער איז אים שולדיג זעקס טאלער אונ האט אים גיבעטין אום בעצאלונג איך וויל עס גערין טאן האט גיזאגט דער ערעלמאן צום ווירט אבער איך שווער אייך דאס איך האב קיין פעניג , איך האב נור איין איינציגין מיטיל אייך צוא בעפרידיגין דאס איר זאלט מיר אויך אפאץ געבין וויא יענעם ערעלמאן , אונ גיבין זיא מיר פיר טאלער הערויס דען איין פאץ קאסט דאך צעהען טאלער , אונ איך בין נור זעקס שולדיג .

25.

איין וואנדערער וועלכער איז גיקומען שפעט אין דער נאכט אין אשלאס וואס דארין האט גיוואוינט אבייזער ריטער , וועלכער האט פיל געלד פערשווענדעט אויף דעם שלאס אבער פיר ארומע לייט איז ער גיוועזן זייער שלעכט , דיזער וואנדערער האט גיבעטין דעם ריטער אום ערלויבינגעס צו נעכטיגין אין שלאס , דער ריטער

אבער האט אים אפ גיוויזין מיט דיא ווערטער , ביא מיר איז ניט קיין קרעצמע אז איר זאלט דא נעכטיגין , דר פערצאגטער וואנדערער האט צוא אים גיזאגט , מיין הער , אם וויינינגסטין ערלויבט מיר איך צוא פרעגין דרייא פראגין אויף וועלכע איר זאלט מיר אנטווארט געבין , יא , דאס ערלויב איך אייך , האט זיך דער ריטער צוא אים אפ גירופין , ווער האט אין דיזעס שלאס געוואוינט פאר אייך ? מיין פאטער זאגט דער ריטער , אונ ווער האט גיוואוינט אין דעם שלאס פאר אים ? מיין זיידע , דאט גיענטפערט דער ריטער , אונ ווער וועט אין דעם שלאס וואוינען נאך אייך האט אים דער וואנדערער ווידער גיפרעגט ? מיין זאהן האט אים דער ריטער גיענטפערט , נון ווען יעדער פון אייך האט דא גיוואוינט מער ניט וויא אגעוויסע צייט אונ ניט איביג , זא איז דאך דער שלאס אין דער טהאט נישט מער וויא אקרעצמע , וואו מען פערוויילט זיך מער ניט וויא אגעוויסע צייט האט אים דער וואנדערער איין געווענדעט דיזע פערנינפטיגע גישפרעך האט זייער שטארק גיווירקט אויף דעם ריטער , ער האט אים שוין ערלויבט צוא נעכטיגין ביא אים , אונ איז פון דער צייט אן גיווארין פרייא געביג פיר ארומע .

26.

אטוגענדהאפטער אנגיזעהענער מאן האט גיזעהען דאס זיין זון האט אגרויסע סומע געלד אין קארטין פערשפילט וועלכע ער האט עס גיליהען אויף זיין פאטערס ראכצאט , עס האט דאס אים זייער גיקריינקט דאס זיין זון גייט אין אזוי אלעסטערליכין וועג , אונ פערשווענדעט זא פיל געלד אונ מאכט זיין נאמען צוא שאנדע , ער האט צוא אים גיזאגט , הער מיינע ערקלערונג קענען דיר איך וועל דיא זומע בעצאלין דען מיינע עהרע איז מיר טייערער וויא דיא געלד , דוא ליבסט דאס שפיל , איך אבער ליבע דיא ארומע , שפיל וויא פיל דוא ווילסט אבער מיט דער בעדינגונג , דאס איך וועל אן ארומע זא פיל צוא טיילין וויא פיל דוא וועסט אין קארטין פערשפילין , אונ איך מאך שאן דעם אנפאנג ער האט זא גלייך בעצאלט דעם זונס רעכענונג , אונ עבען זא פיל אין

איינ

אין ארעמען אפּ גיגעבען. דאס האט זייער שטארק געווירקט אויף דעם זון אונ ער האט גלייך איף געהערט צוא שפּילען.

27.

אין אלטער מאן וואס איז געוועזין שטערבליך קראנק, האט ער צוא זיך צוא גירופין זיין יונגע פרויא אונ האט צוא איר גיזאגט, מיין ליבע פרויא דוא זעהסט דאס איך פערלאז דיך איך געהע אין דיא איביגע וועלט דוא ביסט נאך צוא יונג דוא וועסט דיך גיוויס ווידער פערהייראטען ווען דוא ווילסט דאס איך זאל רוהיג שטארבין זאלסטו מיר שווערין דאס דוא זאלסט ניכט דעם הערען לואיס הייראטין דען איך בין אויף אים אימער אויפערזיכטיג גיוועזין, אונ איך וועל אין פערצווייפלונג שטארבין ווען דוא שווערסט מיר ניכט מיין פערלאנגין צוא ערפילין אים ניכט צוא הייראטין, דאס זאל דיר ניכט הינדערין רוהיג צוא שטארבין, האט אים זיינע פרויא גיענטפערט, דען ווען איך וואלט וועלין מיט אים הייראטין קען איך אויך ניכט, ווייל איך האב זיך שוין לאנג פערשפּראכין מיט אין אנדערין וואס ער איז מיר צעלע מאל פיל ליבער גיוועזין וויא דער לואיס.

28.

איינעגע סאלדאטין האבין אפויער בערויבט זיין געלט דער פויער האט זייא אן גיקלאגט ביין הויפטמאן. דער הויפטמאן האט אים גיזאגט, איך קען דיזע סאלדאטין גאר גישט טאן, ווייל זייא שטייען ניכט אונטער מיין בעפעהל, אונ פון וואגען ווייסט איר דאס זיינען ניט פון אייערע לייט האט אים גיפרעגט דער פויער, דען איר האט דאך זייא ניט גיזעהען? גייט האט צוא אים גיזאגט דער הויפטמאן, ווען עס וואלט גיוועזין מיינע לייטע וואלטין זייא אייך דיא העמד אויף אייער לייב אויך ניט גילאזין.

29.

אין שטערין דייטער האט פּראפעצייט אויף אין פרויענצימער

דאס

דאס זיא וועט קירצליך שטארבין, אונ זיא איז ווירקליך אין קורצין געשטארבין, דאס האט זייער פארדראסין דעם קעניג לודוויג דעם עלפטין פון פראנקרייך, ווייל ער האט איר זייער געליבט, דער קעניג האט אים גילאזט רופען אונ האט צוא אים גיזאגט, דוא, וואס דוא ווייסט אונ זעהסט אלעס פאראויס ווען וועסטו שטארבין? דאס דער שטערינזעהער גלייך דער פון פערשטאנען דאס דער קעניג דיינקט אים צוא טייטין אונ האט אים אזוי גיענטפערט, איך וועל שטארבין ניט דרייא טעג פריער וויא איר וועט שטארבין, דער קעניג איז אבער גיוועזין איין אבער גלויבער אונ האט בעסער נאך גילאזין זיך אן אים צוא ראכען, אים אליין באדורך ניט צוא שטארבען, אונ האט נאך גיזארגט דאס אים זאל קיין בייזעס גישעהען, אונ אויף דיזע ארט האט זיך דער לוקטיגער בעטריגער זיין לעבין גירעטעט.

30.

איידער אמעריקא איז ענטדעקט גיווארין האט מען בעהאופטעט קעגען קאלאמבוס וועלכער האט אן קינדיגט דיזין באלב קיגעל דאס עס גיבט ניכט מער לענדער אין דער וועלט אונ אלס ער האט אבער זא ענטדעקט דיא נייע וועלט, האט מען גיזאגט, דיזע וועלט איז דאך לאנג פאר אים גיוועזין, אונ ער האט דאך דאס ניט בעשאפין, אזוי האבין זיינע ניידער זיין גרויסען פערדינסט אימער קליין גימאכט, איין מאל איז קאלאמבוס גיוועזין אין א גרויסע גיזעלשאפט אונ מען איז גיוועזין זא אונ העפליך, דיזעם, אים זעלבסט צוא זאגין אום זיינע ניידער צוא בעשעמען, האט ער זייא אייף גיגעבין איין איי אויף איין טעלער גאנץ גראד אויף דעם שפיל צוא שטעלין, זיא האבין זיך אלע שטארק בעמיהט דאס צוא טאן, אבער עס איז זייא ניט געלונגען, ענדליך האבין זייא אים גיבעטין דאס ער זאל דאס זייא ווייזין, ער האט גינומען דיא איי אונ האט צוא גיקוועצט דעם שפיץ אונ האט עס אנידער גישטעלט, אויף דיזע ארט איז גאנץ לייכט האבין זייא צוא אים גיזאגט, קיין צווייפעל אז דאס איז לייכט האט זיך צוא זייא אפ גירופין קאלאמבוס, אונ פון דעסט וועגין האט קיינער פון אייך דאס ניט גיטראפין צוא טאן.

31.

שיינע ראבע דעם קייזערס זיגיזמונד

דער קייזער זיגיזמונד האט פערשטאנען אין אהויבען גראד צוא רעגירין. דיא געוויסע האפלייט האבין גיזעהען דאס ער באגעגינט זיך ניט מיט זיינע פיינדע צו שווינגען זאנדערין נאך מיט די וואלטהאטען צוא איבערהייפען, האבין זייא פון זיין פערפארען ניט גיקענט קלוג ווערין, דען דיא גראסמוט איז איינע טוגענד וואס קליינע זעלען קענען עס ניכט פערשטיין, דא ווען זייא וואלטין גיוועזן אין דער שטעלע פון קייזער וואלטין זייא גיוויס אנדערס גיהאנדילט. פיינדע צוא שווינגען אונ זאגאר זייא נאך גוטעס צוא טאן וואלטין זייא אלס פריוואט לייט ניט גיטאן, אונ געשווייגע אלס קייזער. דער נייד (קנאה) האט זייא ענדליך גיעפינט דיא מויל. דיא וואהלטהאטיגקייט האבין זייא גיזאגט זיך פערבייגענדיג פאר דעם קייזער ביז צוא דער ערד, רייצט נאר צוא אבשייליכען פערברעכין, זייא האבין אים גיראטין זיך נוקם צו זיין אן זיינע פיינד. בין איך זיך ניט נוקם גיוועזן אן מיינע פיינד, האט צוא זייא דער קייזער גיזאגט איך צווינג איבער זייער פיינדשאפט זיי זאלין זיך שעמען, אונ צוא בערוהען זייער פעלער, באלד וועלין זייא ניט מער מיינע פיינד זיין, זייא וועלין ניט ווילענדיק מוזין מיך שאצין ווען אבער איך וואלט טאן וויא איר הייסט מיר וואלט איך דאדורך זייא רייצען צוא נייע פיינדשאפט. אונ דען וואלטין זייא רעכט האבין מיך צוא האסין. נון וואלט איך מיך פון זייא אין פארטייל ענטציהען.

32.

אלעס דער עסטרייכישער קייזער יאזעף דער צווייטער איז אליין גיגאנגען שפאצירין אין דיא גאסין פון ווין געקליידעט אלעס בלאקער פריוואטמאן, האט ער באגעגינט איין יונגעס מעדכין וועלכע האט ביטערליך גיוויינט, אונ האט אונטערין ארעם איין פעקיל גיטראגין האט ער ליבליך צוא איר גיזאגט וואס פעלט דיר. וואס טראגסטו? וואוהין גייסטו? קען זיך דיין קימער שטילין? איך טראג מיינע מוטערס קליידער

קליידער , האט זיא אים גיענטפערט , אבער זיא האט אים ניט גיקענט איך וויל זייא פערקויפין אום דאמיט מיין מוטער צוא רעטין פון איר גיפערליכע קראנקהייט האט זיא צוא אים גזאגט מיט אקלאגליכע שטימע אך אונד וועה דאס איז אונזער לעצטער רעטונגס מיטיל , ווען מיין פאטער וואלט נאך גילעבט וועלכער האט זא אפט זיין בלוט פיר אונזער פאטערלאנד פערגאסין , אדער ווען ער וואלט ערהאלטין דיא בעלוינונג וואס מען איז אים שולדיג פיר זיינע דינסטע זא וואלט איר מיר ניט גיזעהען אין דיזין יאמערליכין צושטאנד , ווען דער קייזער וואלט וויסין אייער אומגליקליכע לאגע , האט איר דער גערירטער מאנאך גיענטפערט זא וואלט ער גיוויס אייך ערלייכטערין דוא דארפסט אים איין ביטשריפט נור איבער געבין , אונ זיך בעדינגען- מיט אפערזאן וועלכע זאל אים פארשטעלין אייער נאט , איך האב שוין דאס גיטאן האט זיא אים גיזאגט , אבער פערגעבענס . דער העיר אן וועלכען איך האב מיך גיווענדעט . האט מיר גיזאגט דאס ער קען ניכט אויס ווירקין מען האט דיר דיא וואהרהייט ניכט גיזאגט האט דער קייזער צוא איר גיזאגט , איך קען דיר פערזיכערין דאס מען האט אים קיין איינציגין ווארט דערציילט פון אייער לאגע דען ער ליבט זייער שטארק דיא גירעכטיגקייט , אום דיא וויטווע אונ טאכטער פון איין אפיציר וואס האט אים גראווגידינט מען האט צו ג לאזין , מאך איין ביטשריפט אונ ברינג עס צוא מיר מארגין אין שלאס , אין דעם אונ דעם ארט , אונ אין דיא אונ דיא שטונדע , ווען עס איז וואר וואס דוא זאגסט מיר . זא וועל איך מאכין דאס דוא וועסט מיט דעם קייזער צו פרעגין קענען אונ וועכט פון אים גירעכטיגקייט בעקומען , דיא מיידיל האט זיך דער פון זייער גיפרייט אונ האט זיך שוין אפ געוויסט דיא טרערין , אונ האט אים זייער העפליך בעדאנקט , זאגט דער קייזער צוא איר דיא קליידער זאלסטו ניט פערקויפין , וויפיל מיינסטו דער פאר צוא בעקומען ? זאגט דיא מעדכען זעקס רענדלאך , נוא איך לייא דיר צוועלף רענדלאך ביז עס וועט פאר קומען אונזערע בעמיהונגען . יא , זאגט דיא מעדכען , זיא האט דיא מוטער דיא צוועלף רענדלאך . אוועק גיגעבין מיט דיא קליידער צו זאמען , אונ האט איך ער ציילט וואס פאר א גוטע האפענונג מיט איר האט גיטראפין , פון איין אומבעקאנטען העיר , זיא האט דערציילט וויא ער האט אויס גיזעהען

און אַלעס איינגע פערוואנדטע האבען עס גיהערט האבען וויא דער קענט דאס דיזער הער איז דער קייזער גאנץ טראסטלאז דאריבער דאס וויא האט אזוי פריא געשפראכן צום קייזער, האט וויא זיך ניט געקענט בעסליסען אויף מארגען צוא גיין צוא אים אין שלאס. דארום ווינען איהרע פערוואנדטע מיט איהר מיט גיגאנגען אין שלאס. וויא איז אריין דארטין צוא איהר הערין, אבער וויא האט גיציטערט אלעס וויא האט דער קענט איהר הערין. דעם קייזער זעלבסט, און איהר וואהלטעטער, וויא איז גיפאלין אין אונמאכט, נאכדעם וויא מען האט איהר אפ גימונטערט, האט דער קייזער צוא איהר גיזאגט, איך האב אונטערזוכט אלעס וואס דוא האסט מיר אין דיין ביטשריפט גיזאגט אונד האב גיפונען דאס דוא האסט רעכט, און האט איהר אריין גירופין אין זיין גאבינעט און האט איהר דערלאנגט איין דעקרעט אויף איין גנאדען גיהאלט פיר איהר מוטער, וואס איהר פאטער האט בעדארפט בעקומען ווען ער וואלט גילעבט, זאגט דער קייזער צוא איהר ווען דיין מוטער ווערט שטארבין זא בעקומסטו דיא העלפט דער פון. מיר טוט זייער לייד דאס וואס איך האב פריער ניט גיוואוסט פון אייער לאגע, איך וואלט אייך שוין לאנג ערלייכטערט אייער נויט. פון דער צייט אן האט דער קייזער בעשטימט איין טאג אין וואך דאס מען זאל צוא אים יעדען מענטשין צוא לאזין.

33.

דער זעלבער קייזער איז אמאל גיגאנגען אין וויין איבער די גאס אין אשלעכטין וועטער, אן גיטאן אין איין לאנגין מאנטיל, פלוצלונג איז צוא אים צוא גילאפין איין יונגעס קינד און האט אוים גישטעלט דיא האנד, און בעט אים מיט האסט אגילדין, אום גאטעס ווילין מיין הער גיבין וויא מיר אגילדין, איך דארף זייער נייטיג האבין אגילדין, דער אונבעקאנטער הער האט אויף דעם קנאבע מיטלייד אנגיזעהען דאס אויף זיין גיזיכט ליגט מרוערקייט און אונגעדולדיג, און האט אים גיפרעגט, צוא וואס דארפסטו אגילדין? אך! האט אים דער קנאבע גיענטפערט, מיין מוטער איז זייער קראנק און ליגט אין בעט, איך בין שוין גיוועזען ביא איינגע דאקטורים און איך האב וויא גיבעטין אז

וויא

זייא נאלין גיין צוא מיין מוטער · אבער קיינער איז ניט גנאנען ווייל איך האב ניט גיהאט זייא צוא געבין אגילדין פארין גאנג , זאגט דער אונבעקאנטער הער אט דאסטו אגילדין, אבער ווייז מיר וואו איר וואוינט, אונ נאכהער לויף ברייגגען אדאקטער, דער קנאבע האט אים גיוויזין זייער וואוינונג, אונ ער איז גלייך פערשוואונדין גיווארין פון זיינע אויגין, דער גוטער הער איז אביין גיגאנגען וואו דיא קראנקע ליגט אונ האט זיך אן גיהייבין צוא ערקונדיגען וועגין איר גיזונטהייט. דיא קראנקע האט גימיינט דאס ער איז איין דאקטער אונ האט אים דער ציילט איר קראנקהייט, דער הער האט פון איר מיט גידולד אויס גיהערט, אונ האט גיבעטין טינט, פעדער אונ פאפיר, אונ האט אויף גישריבין איין צעטיל אונ האט גיזאגט צוא דיא קראנקע, לאזט ברייגגען דאס וואס איך האב פערשריבין, אונ האט גיוואונשין איר איין באלדיגע גיזונד, אונ איז אוועק גיגאנגען, גלייך דארויף איז גיקומען דער קנאבע מיט דעם דאקטער, צוא וואס דארף איך נאך אדאקטער, האט גיזאגט דיא קראנקע, דא איז שוין גיוועזן איין דאקטער, אונ האט פערשריבין אריצעפט, היר איז ער, דער דאקטער האט גינומען דעם ריצעפט אונ האט אים דורך גילעזין, א! גיוויס איז ביא אייך גיוועזן אגוטער דאקטער, דען ער האט אייך ווירקליך אבעסערין ריצעפט אויף גישריבין, וויא איך וואלט שרייבין, האט דיזער דאקטער גיזאגט מיט גרויס פערוואונדערונג, זייט וויסין דאס דיזער דאקטער איז דער קייזער זעלבסט, אונ האט אייך דא אין צעטיל אויף גישריבין צוא זיין קאזנאצייא, דאס ער זאל אייך הונדערט דוקאטין גלייך געבין, דיזע נאבריכט האט גימאכט איין וואהלטעטיגען איינפלוס אויף דיא קראנקע אז זיא איז גלייך גיווארין בעסער, אונ זיא איז אין עטליכע טעג ארום גיזונד גיווארין אן מעדיצין ·

34.

דרייא מענטשין האבין צוזאמען גירייזט , אונ צוזאמען האבין זייא גיפינגען איין אוצר (שאטץ) זייא האבין ווייטער גירייזט אונ האבין אימער זיך בעזינען וואס צו טאן מיט דעם שאטץ, אונ דא איז זייערע לעבענסמיטעל וואס זייא האבין מיט זיך גינומען האט זיך גיענדיגט ,

איז ביא זייא גיבליבין אז מען זאל אייגעם פון זייא שיכין אין שטאט איין צוא קויפין שפייז. איז דער אינגסטער פון זייא האט בעקומען דעם אויפטראג צוא גיין אין דער שטאט און ער איז גיגאנגען, גייענדיג אונטער וועגינס האט ער ביא זיך גיטראכט, בין איך רייך, אבער איך וואלט אליין גיוועזן וואלט איך פיל רייכער גיוועזן, נור דיא צווייא מענטשין מאכין מיר ארומער, קען איך ניט מאכין דאס דער שאטין זאל גיהערין צוא מיר אליין? יא דאס איז גאנץ לייכט, איך דארף נור זייער לעבענסמיטטעל פערגיפטען וואס איך וועל באלד קויפין, און איך וועל זאגין דאס איך האב אין שטאט גיגעסין, און דאס וועלין זייא מיר גלויבין און זייא וועלין עסין דער פון און וועלין שטארבין אן אחשד אויף מיר, איצט האב איך נור אדריטיל, אבער ווען איך וועל זייא אוועק שאפין פון דער וועלט. וועל איך דאך דעם גאנצין שאץ האבין, יענע ביידע רייזענדע האבין אויך אזוי פון אים גירעבענט, זייא האבין זיך בעדויערט. דאס יענער האט זיך צוא זייא צוא ניצעפעט, און זייא האבין זיך בעשלאסין זא גלייך וויא ער וועט קומען וועלין זייא אים טייטין, און זיך צוא טיילין מיט זיין דריטעל, דער יונגער מענטש איז גיקומען מיט דיא פערגיפטעטע שפייז אזוי האבין זייא אים גלייך גיטייט. נאכהער האבין זייא גיגעסין און זייא זיינען באלד גישטארבין, און האבין אוים גיפירט דאס אז מען וויל צוא פיל. פערלירט מען דיא ביכיל אויך, און דעם לעבין אויך.

35.

איין אנטוואָרט פון איין פילאזאף אז מען האט אים גיפרעגט ווארום ער וויל ניכט הייראטין, דא דער וועלט בערימטער פילאזאף זאלאן איז גיקומען אין דיא שטאט מילעט צוא בעזוכין זיין פריינד דעם פילאזאף טאלעס. עס וואר דיא ערסטע רייד זייגע, עס וואונדערט אים זייער וואס טאלעס הייראטעט ניכט, און ער וויל ניט קיין מאן זיין און ניט קיין פאטער, טאלעס האט אים דא־ויף קיין אנטווארט גיגעבין אין דעם אויגענבליק, אבער מיט איינינע טעג שפעטער האט ער אפ גירעט מיט צפרעמדין וואס ער זאל מיט דעם פילאזאף זאלאן רעדין, דער פרעמדער איז גיקומען צוא זייא בריידען און האט גיזאגט

אז

אַז עֶר קוּמְט פוּן דִיא שְׁטָאט אַטעֶן אוּנ הָאט אָפּ גִיבַייזְט פוּן רָארְטִין פָּאר צֶעהֶען מֶעג . זאלאן הָאט אִים גְלַייךְ גִיפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט גִיהֶערְט וָואס נַייֶעס אִין דָער צַייט וָואס עֶר הָאט אָפּ גִיבַייזְט . אָבֶּער דֶער פְרֶעמְדֶער הָאט דִיא רָאלֶע גוּט גִישְׁפִּילְט וִויא טאלעס הָאט אִים גִיהֵייסִין , הָאט מֶען אִים גִיעֶנְטְפֶערְט עֶס גִיט דָארְטִין קֵיינֶע נַייֶעס , עֶס אִיז נוּר דָארְט אַיין יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ גִישְׁטָארְבִּין , זַיינֶעז אִים גִינַאנְגֶען צוּא בֶּעגְלֵייטִין בִּיז דֶעם גְרַאבּ ? וַוייל עֶר וַואר אַיין זוּן פוּן הוֹיפְּטְלַייטֶע , עֶר וַואר אַיין אָרֶענְטְלִיכֶער מַאן , עֶר וַואר מִיט חכמה , אַךְ ! הָאט גִיזָאגְט זאלאן וִויא אוּמְגְלִיקְלִיךְ אִיז זַיין אָרִימֶער פָאטֶער , וִויא הָאט מֶען אִים גִירוּפִין ? הָאט דֶער פְרֶעמְדֶער גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ אָפְּט גִיהֶערְט אוּנ אִיךְ הָאבּ פֶערְגֶעסִין , אִיךְ עֶרְאִינֶער בְּלוֹיז אַז מֶען הָאט אִיבֶּער גִירֶעט פוּן זַיין חכמה , אוּנ פוּן זַיין גִירֶעכְטִיקַייט . זאלאן , יֶעדֶע אַנְטְוָוארְט אִיז נוּר אִיבֶּער אִין זַיין בֶּעזָארְגִינֶעס פֶערְשְׁפַּארְקְט גִיוָוארִין , אוּנ גַאנְץ צוּא מִישְׁט גִיוֶועזִין , הָאט מֶען וִוידֶער גִיזָאגְט צוּם פְרֶעמְדִין וֶוען אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין דֶעם נָאמֶען וֶועכְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶער מָאנֶען . הָאט דֶער פְרֶעמְדֶער גִיזָאגְט יַא אַזוֹ הָאט זִיךְ דֶער פִילָאזָאף מִיט דִיא הֶענְט אִין קָאפּ גִישְׁלָאגִין אוּנ הָאט שְׁטַארְק גִיזִיפְצֶעט . הָאט צוּא אִים טאלעס גִיזָאגְט , זֶעסְטוּ שׁוֹין זאלאן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין רֶעכְט וָואס אִיךְ וִויל נִיט הֵיירַאטֶען , וֶוען דוּא וָואלְסְט גִיוֶועזִין אַזוֹי וִויא אִיךְ אוּנ פֶעהֵיירֶעטֶעט וָואלְט דִיר נִיט בֶּעגֶעגִינְט דֶער טְרוֹיֶער , אוּנ דִיא אַנְגְסְט וָואס דוּא הָאסְט אִיצְט אִין דֶער וַוייל אוּים גֶעלִיטִין , אִיז דָאס עֶס לִיגִין ? אִיךְ הָאבּ דֶעם פְרֶעמְדִין אַזוֹ גִיהֵייסִין דִיר זָאגִין , אִיבֶּער צוּא גֶעבִּין דַיין אַנְטְוָוארְט אוֹיף מַיין פְרַאגֶע .

36.

קאזרא דֶער קֵינִיג פוּן פֶּערְזִיען הָאט גִיהַאט אַיין מִינִיסְטֶער מִיט וֶועלְכֶען עֶר אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר צוּא פְרִידִין , אַיין מָאל הָאט גִיבֶּעטִין דֶער מִינִיסְטֶער דֶעם קֵינִיג , דָאס עֶר זָאל אִים עֶרְלוֹיבִּין צוּא דֶער לַאנְגֶען זִיךְ אַטְסְטַאוֶוקֶע , וָוארוּם וִוילְסְטוּ מִיךְ פֶערְלָאזִין הָאט אִים דֶער מָאנַארְךְ גִיפְרֶעגְט ? אִיךְ הָאבּ דִיר אַלֶע מָאל מַיין גִיוֶועלְטִיקַייט אִיבֶּער גִיגֶעבִּין , אוּנ מַיינֶע אוּנְטֶערְטַאנֶען הָאבִּין דִיר אַזוֹ גִיפָאלְגְט וִויא מִיר , זֵייא הָאבִּין

נִיט

נִיט גִיכַאכְט קֵיין אוּנְטֶערְשַׁייד צְווישֶׁין מַיין בֶּעפֶֿעל אוּנ דַיינֶעם, עֶנְדְלִיךְ וָואס הָאסְטוּ דַאצוּ אַיין צוּא וֶוענְדֶען? אָ! גְנֶעדִיגֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפֶֿין דֶער קְלוּגֶער מִינִיסְטֶער, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר גוּט גִידִינְט אוּנ דוּא הָאסְט מִיר דַאפִֿיר זֵייעֶר רַייכְלִיךְ בֶּעלוֹינְט, אָבֶּער דִיא נַאטוּר לֵייגְט מִיר אַרוֹיף הֵיילִיגֶע פְּלִיכְטֶען, יֶעצְט עֶרְלוֹיבּ מִיר דָאס צוּא עֶרְפִֿילֶין, אִיךְ הָאבּ אַזוּהְן וָואס קֶען דַארְף אִים בִּילְדִין, אוּנ עֶר הָאט נִיט קֵיינֶעם וֶוער עֶס זָאל מִיט אִים לֶערְנֶען אוֹ הֶער מִיר וִויא דִיר אַמָאל צוּא דִינֶען, אִיךְ גִיבּ מַיין וִוילִיגוּנְג דֶער צוּ, הָאט דֶער קֶענִיג צוּ אִים גִיזָאגְט, אָבֶּער מִיט דֶעם בֶּעדוּנְג. אוּנְטֶער אַלֶע אֶענְטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין וָואס אִיךְ וֵויים, אִיז קֵיינֶער נִיטָא וָואס זָאל וִוירְדִיג זַיין דֶען גֵייסְט פוּן מַיין זוּן אוֹיף צוּ קְלֶערִין אוּנ צוּא בִּילְדִין וִויא דוּא, נֶעם מַיין זוּן אוּנ בִּילְד אִים זָא אוּים דָאס אַלֶע מֶענְטְשִׁין זָאלִין דִיר דַאנְקֶען, לֶערִין אִים מִיט דַיין זוּן צוּ זַאמֶען, דֶער מִינִיסְטֶער הָאט אָפּ גִירַייזְט מִיט בֵּיידֶע קִינְדֶער צוּא זִיךְ אַהֵיים, אוּנ אִיז אִין זֶעקְס יָאר שְׁפֶּעטֶער גִיקוּמֶען צוּם קֶענִיג מִיט בֵּיידֶע קִינְדֶער, דֶער קֶענִיג אִיז זֵייעֶר פְֿרֵיילִיךְ גִיוֶועזִין צוּא זֶעהֶען דֶעם פְּרִינְץ וִוידֶער, אָבֶּער עֶר הָאט בַּאלְד בֶּעמֶערְקְט, דָאס דֶעם מִינִיסְטֶערְס זוּן אִיז פִיל מֶער גִיבִּילְדֶעט וִויא זַיין אֵייגֶענֶער זוּן, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ בִּיקְלָאגְט בַּייא דֶעם מִינִיסְטֶער, אִיבֶּער דֶעם אוּמְשְׁטַאנְד אָ מַיין קֶענִיג! הָאט דֶער מִינִיסְטֶער צוּא אִים גִיזָאגְט, מַיין זוּן הָאט דֶעם אוּנְטֶערִיכְט בֶּעסֶער בֶּענוּצְט וִויא דַיין זוּן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייא בֵּיידִין גְלַייךְ גִיגֶעבִּין, מַיין זָארְג פַאלְט וֶועגִין זֵייעֶר גִירְדוּנְג אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּנ אֵיינֶעם גְלַייךְ וִויא דֶעם אַנְדֶערִין, אָבֶּער מַיין זוּן הָאט זֵייעֶר גוּט גִיווּאוּסְט, דָאס עֶר וֶועט דִיא מֶענְטְשִׁין בִּידַארְפִין, אָבֶּער דַיין זוּן הָאט זֵייעֶר גוּט גִיווּסְט דָאס דִיא מֶענְשִׁין וֶועלִין אִים בַּאדַארְפִין, אִין דֶעם אִיז גִילֶעגִין דֶער פֶעלֶער וָואס דַיין זוּן קוּמְט נִיט צוּא מַיינֶעם אִין בִּילְדוּנְג, דֶען דֶער פַאר אוּרְטֵייל דֶער גִיבּוּרְט, אִיז זֵייעֶר אָפְט אַיין הִינְדֶערְנִיס אִין דֶער עֶרְצִיהוּנְג.

37.

עֶס הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין אִין אֶיינְגְלַאנְד, דָאס אַקוֹיפְמַאן אִיז צוּרִיק גִיפָֿארִין פוּן אַגְרוֹיסִין מַארְק מִיט אַמֶענְגֶע גֶעלְד, אוּנ עֶס הָאט

אים אויף גילויערט אגעוויקער גענש אין איין וואלד , דאט אים
ערמארדעט אונ האט צוא גינומען זיין געלד , אונ דעם טויטין האט
ער אביין גיווארפין אין אלוימגרוב , אויף מארגין איז ער גיקומען
צוא דעם ערמארדעטענס פרוי אונ האט איר גיפרעגט אויב איר מאן
איז שוין גיקומען צוהיים , דיא פרויא האט אים גיענטפערט , ניין
אבער מיר זאגט מיין הארץ דאס עס האט אים גימוזט טרעפין איין
אומגליק , אונ איך בין זייער שטארק בעזארגט איבער אים , אבער
אייער זארג איז ניכט גרעסער וויא מיינע , האט ער איר גיזאגט ,
נור היינטיגע נאכט בין איך גילעגין אין בעט אונ האב ניט איין
גישלאפין , האט זיך מיר ערשיינט אז אייער מאן איז דורך גישטאכין
מיט אשפיז דורכין בארצין , אונ ער האט מיר געוויזין וואו דיא גרוב
איז וואס מען האט אים אביין גיווארפין , אונ ער האט מיר גיזאגט
אז דער אונ דער איז זיין מערדער , דיא ערציילונג האט גימאכט
אגרויסין שרעק ביא אלעכען אין דעם געגינד . מען איז גיגאנגען זוכין
דיא גרוב אונ מען האט גיפונען ריכטיג וויא דיזער מענטש האט
אן גיגעבין , גלייך האט מען דעם מענטשין פעסט גינומען דיזין
וועלכין האט דעם גייסט אן געוויזין . מען האט אים גלייך גיבראכט
צום אבער ריכטער , אונ ווען דיזער אבער ריכטער וואלט ניט גיוועזן
קיין אויפגיקלערטער וויא דיא אנדערע ריכטער , וואלט מען אים צום
טויט פערארטיילט , דער אבער ריכטער האט צוא דיא איבעריגע
ריכטער גיזאגט , מען בארף זיך ניט איילין אמענשין צוא אורטיילען
אויף דיא עדות זאגונג פון אגייסט , דען דיא גייסטער ערשיינונגען
זיינען אלע בעטרוג , אונ אויסער דעם איז ביא אונז אין איינגלאנד
ניטא קיין גיזעץ , דאס מען זאל איבער דיא בעציינגעם פון צווייטין
בעשטראפין אמענשין , אבער ווען דער גייסט האט אפרעמדין מענטשין
אלעם גיזאגט , זא גלויב איך דאס ער וועט אונז גיוויס אויך זאגין
אלס ריכטער , ווייל מיר ווייסין ניט ווען מיר זאלין אלס זיין מערדער
ערגרייפין אונ שטראפין , אונ ער וועט גיוויס ניט וועלין דאס מיר
זאלין איין אומשולדיגין טייטין , אונ דעם וואהרין מערדער לאזין
לעבין , אונ ער האט אגישריא גיגעבין איך פארערע אויף דעם
גייסט זיך צוא ערשיינען פאר אונז ריכטער , אונ אלעם דער גייסט
האט ניט ערשיינט , זא האט דער אבער ריכטער גיזאגט צוא דיא

אנדערע

אַנְדֶערֶע רִיכְטֶער, מֵיינֶע הֶערִין דֶער אָנְגֶעקְלַאגְטֶער אִיז וְויא אַלֶע זָאגְּן אַיין זֵייעֶר עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּנ הָאט נִימָאלְס קֵיין שְׁטְרַייט גִיהַאט מִיט דֶעם עֶרְמָארְדֶעטִין, אוּנ דַארוּם עֶרְקְלֶערֶע אִיךְ אִים פִיר אוּנְשׁוּלְדִיג. אָבֶּער דֶער אָנְקְלָאגֶער אִיז בַּייא מִיר שְׁטַארְק אִין פֶערְדַאכְט אוּנ אִיךְ גְלוֹיבּ דָאס עֶר אִיז זֶעלְבְּסְט דֶער מֶערְדֶער, דֶען פוּן וַואנֶען ווייס עֶר דִיא אַלֶע צֵייכֶען צוּ זָאגֶען, אוּנ אִיךְ בֶּעפֶעהְלֶע, דָאס מֶען זָאל אִים פֶערְהַאפְטִין, אוּנ מֶען הָאט אִים פֶעסְט גִינוּמֶען, אוּנ גִימַאכְט אַשְׁטְרֵיינְגֶען בַאפְרָאס אוּנ הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ מוֹדֶה גִיוֶועזְן דָאס עֶר זֶעלְבְּסְט אִיז דֶער מֶערְדֶער, אוּנ וַוייל עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַיין פַיינְד פוּן דֶעם אָנְגִיקְלָאגְטִין, הָאט עֶר אוֹיף אִים דָאס גִיזָאגְט, אוּם זִיךְ נֶקָם צוּ זַיין אָן אִים.

38.

עֶס אִיז גִיוֶועזְן אִין אֵיינְגְלַאנְד אַיין מַאטְרָאז וָואס הָאט זַיין יוּנְגְן זוּן אָן גִיהוֹיבְּן צוּא גִיוֶוינֶען מִיט צוּא גֶעמֶען אִים אוֹיפְן שִׁיף אוּם פוּן אִים צוּא מַאכִין אַגוּטִין מַאטְרָאז, אוּנ עֶר אִיז אַלֶס קְנַאבֶּע שָׁאן גִיוֶועזִין אַזוֹי צַאפְּפֶּער אוּנ דְרֵייסְט דָאס עֶר הָאט אַלֶע גִיפָארִין אוֹיפִין יַם זֵייעֶר רוּהִיג צוּא גִיזֶען, אַלֶס עֶר אִיז נָאךְ גִיוֶועזְן אַלְט מֶער נִיט וִויא דְרַייא יָאר, הָאט אִים זַיין פָאטֶער אָפְט אַרַיין גִיוָוארְפִין אִין יַם פוּן שִׁיף אוּנ פְלֶעגְט צַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען אִין יַם אוּנ אִים אָן תַאפִּין אוּנ שְׁוִוימֶען מִיט אִים אַגוּטֶע שְׁטִיק, אוּם צוּא לֶערְנֶען אִים שְׁווִימֶען אִין דֶעם גְרוֹיסַאמֶען יַם אוּם אִים פֶערְטְרוֹיט צוּא מַאכִין מִיט אַלֶע וַויגֶע גִיפַארִין, אוּנ עֶר אִיז גִיוָוארִין וִוירְקְלִיךְ אַיין גְרוֹיסֶער שְׁווִימֶער דָאס דֶער אִין פִירְטֶען יָאר פוּן זַיין לֶעבִין מִיט זַיין פָאטֶער, אִיז עֶר אַמָאל נָאךְ גִישְׁוואוּמֶען נָאךְ דִי שִׁיף צְוַוייא מַייל, דִיא מֶענְלִיכֶע אוּנ שְׁטְרֵיינְגֶע עֶרְצִיאוּנְג, אִיז אִימֶער דִיא בֶּעסְטֶע, וַוייל זִיא מַאכִין נוּר בִּילְדֶעט אוֹיס קְלוּגֶע אוּנ דְרֵייסְטֶע מֶענְטְשִׁין, אַלֶס עֶר אִיז אַלְט גִיוָוארִין צְוֶועלְף יָאר הָאט עֶר שׁוֹין בֶּעקוּמֶען צְרַאנְגֶע, אוּנ דֶער שִׁיפְסְקַאפִּיטַאן הָאט אִים אִיבֶּער גִילוֹיבְּט, אוּנ הָאט גִיזָאגְט. וֶוען דוּא וֶועסְט אַזוֹי זַיין מֶעטִיג אוּנ פֶערְשְׁטֶענְדִיג וִויא אִיצְט, פֶערְזִיכֶערֶע אִיךְ דִיר דָאס דוּא וֶועסְט וֶוערִין אוֹיךְ צַשִׁיפְסְקַאפִּיטַאן, אוּנְטֶער דִיא

בעווייזין פון זיין העלדענמוט אונ קינדהייט וואס ער האט צו פערשידענע
צייטין בעוויזין, אין דיא גיפערליכסטע גילעגינהייטין, פערדינט דער
קינפטיגער דעם גרעסטין פלאץ, ווערכער האט אים גיקאסט זיין לעבין,
אלס זיין שיף האט גיזעגילט אויפין ים קיין פריינקרייך, האט זיך
אויפין שיף גיפונען איין מידיל פון אכט יאר איין טייכין אמעריקאנערס
אטאבטער, ויא איז אוועק גילאפין פון איר פאטער אום צוא קוקין
אויפין ים וויא איז אונפארזיכטיג צוא גילאפין צום ברעג שיף, אונ
האט זיך אריבער גיבויגין איבערין ברעג אונ איז אריין גיפאלין אין
ים, אונ אלס דער אלטער מאטראז האט דאס דער זעהען, איז ער
אריין גישפרונגען אין ים אונ האט איר אן גיכאפט זא גלייך ניט
ווייט פון שיף, אין דעם איז ער מיט איין האנד גישוואומען איין
האיפיש, ער האט גיגעבין איגעשרייא צוא הילפע דיא גיפאר איז גיוועזען
זייער גרויס, אלע אפין שיף זיינען גיוואָרין שטארק צוא שרעקין,
אונ קיינע האט זיך ניט גיוואגט אים צוא קומען צוא הילפע, וויא
האבין איניגע מאל אריין גישאסין אין האיפיש, וואס דאס האט
אים נאך מער צוא רייצט, ער האט מיט זיין הינטער טייל גיפאצט
אין ים, אונ האט גימאכט גרויסע וועלען, דאס עס איז גיוועזען זייער
שרעקליך צוא זעהען, אונ האט אויף גימאכט זיין שרעקליכע מויל
איין צוא שלינגען וויא, דער יונגער מאטראז האט דער זעהען אין
וואס פאר איין גיפאר זיין פאטער איז דא איז ער אריין גישפרונגען
אין ים מיט אשארפין אשפיציגין שווערד אונ האט זיך ארונטער
גילאזין אונטער דעם האיפיש, אונ האט אים אין בויך דעם שארפין
שווערד זייער טיף אריין גישטאכין, דער האיפיש איז אפ גיטראָגין
פון אלטין מאטראז אונ האט זיך צוא גיווארפין צום יונגין, ער
האט אים דער ווייל נאך עטליכע מאל גוט אריין גישטאכין, וואס
פאר אשרעקליכער אויסזיכט דאס איז גיוועזען, איז שווער צוא בעשרייבין,
פון איין זייט איז אמעריקאנער אן גיקומען וועלכע זיין גיליבטע
טאכטער איז אין גרויס אנגסט גיוועזען, אונ פון דער אנדער זייט איז דער
יונגער מאטראז וועלכער האט זיך ערוואגט צוא פערלירין זיין לעבין
אום צוא רעטין דעם לעבין פון אפרעמדינס קינד. אונ דא אויפין שיף
שטייען אלע מענטשין מיט דיא אויגין צום הימיל אויף גיהויבין,
בעטענדיג דעם אלמעכטיגין מיט יאמער אונ גיוויין, דאס ער זאל

זיך ערבארימען אויף דיא אומגליקליכע , דען דער האפיש איז ניט שוואכער געווארין פון דיא וואונדין וואס דער יונגער מאטראז האט אים געמאכט אונד ער איז געווארין פיל שטארקער וויא ער וואר , אונד אלזא האט מען זיך געמוזט רעטין , מען האט אראפ געווארפין אגראבע שטריק אין ים אונד זייא האבין זיך אן גינומען פעסט אונד זייא זיינען ביידע שנעל ארויף , אט זיינען זייא ! האבין אלע מיט גרויס פרייד געשריען ! זייא זיינען דא , זייא זיינען גירעטעט , אבער דיזע פריידע האט זיך באלד פערוואנדעלט אין אגרויסין שמערץ , דער האפיש איז גיוועזן אין גרויס וואונדער פאר וואס ער האט ניט געקענט זייא אלעמען איין שלינגען , ער האט זיך אין ים אשפארקין ווארף גיטאן אין דער הויך שנעל וויא צבליץ , אונד האט אביין געכאפט דעם יונגען מאטראז מיט זיינע שארפע ציינער אונד האט אים צוא ביסין אויף צוויא טייל , איין טייל איז בייא אים אין מויל געבליבין , אונד דיא אנדערע טייל איז בייא דעם אלטין מאטראז מיט דיא מיידיל פערבליבין , זייא האבין דעם גליק אין שיף אביין געטראגין , דא איז דער יונגער מאטראז געשטארבין , ער וואר אלט נור צוועלף יאר , אלס אאפפער פון זיין מוהט , אונד זיין קינדליכע פריינדליכע ליבע פון זיין פאטער , אבער דעם אן דייקונג פון זיין מויגענבייט האט אים איבער געלעבט , אונד דער איידעלער גרונד וואס אים האט בעוואויגן דאס צוא טאן , וועט אים צום געגענשטאנט קומען אין אלע צייטין אז מען וועט אים בעוואונדערין אונד בעטיט ליידין .

39.

אין איינגלאנד האט פאסירט איין בעפאר , דארטין האט אן געהויבין צוא גיין דער אייזין באן דאס הייסט איין דיליזשאנס , דארט איז געפארין רייזענדער נאך יארק , דיא פאסאזירע האבין זיך צוא זאמען גירעט אזו וויא דא אין דעם געגענד געפינט זיך פיל רויבער , אונד דיא רויבער בעפאלין אויף דיא רייזענדער , זייא האבין צווישין זיך איין שעקרעט געמאכט וואו זייא זאלין זייער געלט בעהאלטין , נור איינער פון דעם אנדערין האבין ניט געוואוסט . איין מיידיל פון 13 יאר וואס איז אין דיליזשאנס געוועזן איז זיא געוועזן ניט פארזיכטיג , אונד זיא

האט

האט פאר אלעמען געזאגט, דאס זיא האט איין לאמבארד שאיין פון צוויא טויזענט רוביל, אונ איך ליג עס אריין אין זאק, אונ דאס איז מיין גאנצער פערמעגין, אין אקורצע צייט זיינען דיא רויבער בעפאלין אויף דעם דיליזאנס, אונ האבין גיפאדערט ביי די פאסאזירער אז זייא זאלין זייא אוועק געבין גאר דיא געלט וואס זייא האבין ביי זיך, דיא פאסאזירער האבין דער זעהען דיא שאיקע רויבער אזו האבין זייא דער לאנגט זייער געלט, אבער דיא רויבער האבין איבער גיציילט דאס געלט, אונ האבין נור גיפונען וויניגער וויא טויזענט רוביל, האבין זייא גיזאגט צו דיא רייזענדער, איר אלע מוזט אונז געבין אמווייניגסטין טויזענט רוביל, ווען ניט וועלין מיר ביי אייך זוכין אומעטום וועלין מיר בעסער מאכין, האט זיך צוא זייא אפ גירופין איין אלטער מאן, דיא סומע וואס איר בעט וועט איר נאך אמאל אזוי פיל בעקומען ווען איר וועט אראפ ציהען דיא זאקין פון דיזע דאמע, דיא רויבער האבין איר באלד אוים גיטאן דיא שוה מיט דיא זאקין, זייא האבין גלייך גיפונען דעם לאמבארד שאיין אויף צוויא טויזענט רוביל, דיא רויבער זיינען צוא פרידין מיט דעם אוועק. וויא דיא רייזענדער האבין גיזעהען אז דיא רויבער זיינען אוועק אזוי האבין זייא גלייך אן גיהויבין צוא זידלען אונ צוא שילטין דיזען אלטין, פאר וואס ער האט דיא יונגע דאמע אומגליקליך גימאכט מיט זיין דאנאס, דער אלטער מאן האט דאס אלעס גאנץ רוהיג צוא גיהערט אונ האט זייא ניט גיענטפערט איין ווארט, וויא דער דיליזאנס איז גיקומען קיין יארק איז ער פערשוואונדין גיווארין, זא קען מען זיך לייכט פארשטעלין איר יאמער אונ איר עלענד, זיא האט דעם גאנצין טאג ניט גיגעסין, אונ דיא גאנצע נאכט ניט גישלאפין, אונ האט איממער גיוויינט אויף איר שיקזאל, אבער וויא גרויס איז גיוועזין איר פערוואונדערונג: זיא האט אויף מארגין ערהאלטין איין בריף פון דעם אלטין מאן מיט דיזין אינהאלט, מאדאם! דעם מאן וואס איר האט נעכטין גישאלטין אונ געזידילט שיקט ער אייך צאפ דיא צוויא טויזענט רוביל, וואס איר האט פאר אים דיא רויבער גיגעבין, אונ פאר אייער לייד וואס איר דאט גיליטין דורך דעם, פון נעכטין אן, שיינק איך אייך אדימענטענעם רינג פון טויזענט רוביל, איך האף דאס איר וועט מיר פערציהען וואס איך האב אייך גימאכט גרויס פערדרוס דער גרונד פון מיין נעכטיגין בעטראגען זיך קעגין אייך, איז גיוועזין אסעקרעט, אונ איך וועל אייך דא מיט ווייניג

ווארטין

ווארטין ערקלערין, איך קום איצט פון אינדיען מיט דרייסיג מויזינט דוקאטין אין פאפיר געלד, דיא גאנצע וועג פון דארטין ביז אהער האט מיר קיין אונגליק גיטראפין, אונ געסטעריין אלס דיא רויבער האבין גיזאגט דאס ווען מען וועט זייא ניט געבין טויזינט רובל אום ווייניגסטין וועלין זייא אליין זוכין בייא דיא רייזענדען זא בין איך גיוועזן אין גרויס שרעק, פילייכט וועט זיך אזוי פיל ניט גיפינען בייא אלעמען, אונ בייא מיר וואלטין זייא דאך געפינען מיין גאנצין פערמעג, וואס איך האב גיהארעוועט אויף מיין גאנצין לעבין, איך האב גיוואוסט וואס איך האב גיטאן, יעצט זיינען אלע פערבליבין בייא זייער געלט, אונ איך אויך, איך האב נור גירעכינט אז איך האב דאס געלט בייא אייך אנטליהען, מיט דאס געלט וואס דיא רויבער האבין בייא אייך צוא גינומען האט איר מיר גיראטעוועט, אונ צייט מיין לעבין וועל איך אייך ניט פערגעסין, אונ איך וועל אייך האלטין פאר מיין בעסטין פריינד.

40.

איין ערעלמאן אין פראנקרייך האט גיבעטין דעם קעניג לודוויג דעם פערצעהנטין, דאס ער זאל אים אין זיין שטאט געבין איין שלוזבע דער גרויסער קעניג האט אויס גיהערט זיין פערלאנג, אונ האט אפ גיזאגט, אונ דער בעטענדער אנשטאט צוא זיין אין פערדרוס, איז גאר גיווארין פריילך, אונ האט שטארק זיך בעדאנקט ביים קעניג, אונ האט שוין גיוועלט אוועק גיין, דעם קעניג האט זייער גיוואונדערט וואס ער איז אזוי פריילך. אונ האט אים גיפרעגט אויב ער האט פערשטאנען וואס ער האט מיט אים גירעט אָ יא איך האב גאנץ גוט פערשטאנען וואס אייער קעניגליכע מאיעסטעט האט צוא מיר גיזאגט, האט אים דער איידעלמאן גיענטפערט. זייא האבין מיר מיין פערלאנג מיט קורצע ווערטער אפ גיזאגט, אונ ווען אזוי פאר וואס האט איר מיר אזוי גוט געדאנקט, אונ נאך דער צוא גיוועזין פריילך, האט אים ווידער דער קעניג גיפרעגט, פיר אירע גנאדע מיין קעניג האט אים דיזער ווידער גיאנטווארט, פיר מיינע גנאדע האט זיך דער קעניג אפ גירופין מיט גרויס פערוואונדערונג, וועלכע גנאדע? איך האב דאך

אייך דיא שלוזבע אפ גיזאגט פאר דיא גנאדע וואס אייער קעניגליכע מאיעסטעט האט מיר ערוויזן מיט דעם וואס איר האט מיר גלייך פון דיא שטעלע אפ גיוויזן, אונ איך גען גלייך פארין אהיים, ניט צוא פערבלייבין אין פאריז אונ זיך אן מאכין גרויסע קאסטין אומזיכט. דער ענטפער האט דעם קעניג זייער גיפעלין, אונ האט דערפון פערשטאנען דאס ער מוז זיין א קלוגער מענטש. אונ האט אים איניגע זאכין גיפרעגט אום זיך צוא איבער צייגין אויב ער איז ווירקליך קלוג, אונ אלעס דער אידעלמאן האט אים אויף אלץ זייער קלוג גיענטפערט. האט דער קעניג צוא אים גיזאגט, איך בעוויליג אייך דיא שטעלע וואס איך האב אייך פריהער ניט גיגעבין.

41.

איין פראנצויז איז גיווארין פערארטיילט צום טויט, איבער א גרויסע פערברעכין וואס ער האט גיטאן, אונ ער האט גיהאט איין איינציגין זון וואס וואר איין ארענדליכער יונגער מענטש, אונ וויא ער האט גיהערט זיין פאטערס אורטייל איז ער גיקומען צום מיניסטער אונ ער איז אים גיפאלין צוא דיא פיס מיט גרויס גיוויין, אונ האט אים גיבעטין דאס מען זאל אים טייטין אנשטאט זיין פאטער, דעם מיניסטער האט דאס שטארק גירירט, אונ האט גישריבין צום קעניג דיא מערקווירדיגע זאך, דעם קעניג האט דאס אויך זייער גירירט, אונ האט דארום זיין פאטער בעגנאדיגט אונ דעם זון האט ער גישיינקט א מעדאל פיר זיין ליבע צום פאטער, אבער וויא האט זיך דער קעניג גיוואונדערט, אלס ער האט בעקומען צוא וויסין דאס ער האט ניט אן גינומען דעם מעדאל, דען ער האט גיזאגט דאס דער מעדאל וועט זיין איין אורזאכע אז אלע מענטשין וואס וועלין אים זעהען וועלין זיא זיך ער אינערין אן זיין פאטערס פערברעכין, דאס איז נאך מער גיפעלין דעם קעניג, ער האט אים צוא גינומען ביא זיך אין הויף אונ האט אים גילאזין העכסט אויס בילדין, אונ האט אים גיגעבין איין גרויס אמט, אונ שפעטער האט ער אים צום מיניסטער גימאכט.

גוסטאוו

42.

גוסטאוו דער דריטער קעניג פון שווידין איז אמאל אליין גירייטין אין אדארף, אונ אויך פערקליידעט פיר אגיוויינליכין מענטשין, דער טאג איז גיוועזן היים אונ ער האט גיהאט דארשט. אין דעם האט ער פון וויטין דער זעהען אז אקליינע מיידיל פון אאיר פופצעהען האט אן גישעפט פון אברונעם וואסער, דער קעניג איז צוא איר גליך צוא גירייטין אונ האט ביא איר גיבעטין א טרונק, זיא האט גליך גינומען א ריינע גלאז אונ האט אים דער לאנגט, אונ זיא האט צוא אים גיזאגט ביטע טרינקען זייא מיין גינעדיגער העער, אונ דער קוויקט אייך, דען דיא זון ברענט עס איז זייער היים אונ דיא וואסער איז גראדע גוט, דעם קיניג איז איהרע רייד זייער גיפעלין גיווארין. נאך דעם וויא ער האט זיך ערקוויקט מיט דעם טרונק אזו האט ער צוא איר גיזאגט, שיינעס קינד, פילייכט ווען דוא וואלסט קומען קיין שטאקהאלעם דאס איז דיא רעזידענץ פון שווידין וואלט איך דיר גליקליך מאכין, זאגט דיא מיידיל גינעדיגער קעניג, ווען עס זאל מיר דארטין זיין דער גרעסטער גליק קען איך פון דער היים ניט אוועק, אונ איך בין זייער ארום, אונ מיין מוטער איז זייער ארום אונ קראנק, אונ אויסער מיר איז ניטא קיינער ווער עס איר בעהילפיג זיין אין איר נויט, וואו איז דיין מוטער האט דער קעניג ביא איר גליך גיפרעגט, מיט גרוים אן רירונג. היר אין דיא שטיבל האט זיא אים גיזאגט, דער קעניג איז אריין אין שטיבל אונ האט דער זעהען אז איר מוטער ליגט אויף א שטרוי זאק אונ זיא זעהט אויס זייער שרעקליך באר פון קרענק, דורך דיזין טרויער וואס ער האט דא גיזעהען איז ער גיווארין נאך מער אויף גערירט, אונ האט גליך צוא איר גיזאגט, גוטע מוטער איך בעדויער אייער לאגע, האט דיא קראנקע אגישרייא גיטאן מיט איין שוואכע שטימע, א! גוטער העער מיר האט מען בעדארפט בעדויערין ווען איך וואלט ניט גיהאט דיזע טאכטער, זיא בעהאנדילט מיך אזו טרייא. אונ הערצליך אונ זיא ארבייט זייער פיל, אונ איר לוין איז אלץ פאר מיר, מען זאגט אשפריך ווארט, אין אומגליק דארף מען אויך האבין

גליק

גליק, גאט זאל איר דער פאר געבין גליק אונ בלוינען אונ איר בענטשין פאר אירע ערענטליכקייט, דער קעניג איז נור קיין מאל אזוי ניט ערצייטערט געוועזן צייט זיין לעבין אזו וויא יעצט, נוא מיין ליב קינד זאגט דער קעניג צוא איר טאכטער, יעצט זאלסטו דיין מוטער פיל מער וויגאדע געבין וויא פריער, אט האסטו אביטיל געלט דער איף, אונ איך וועל דיר באלד העלפין אז דוא זאלסט זיין אין שטאנד צוא העלפין דיין מוטער אויף אייביג אונ דוא זאלסט איר ערענטליך בעהאנדלען, נוא פערבלייב געזונט אונ לעב וואול טייערעס קינד, זייא וויסין איך בין דיין קעניג, וויא ער איז אין שמאקהאלעם געקומען, אזוי איז געוועזן זיין ערסטע זארג, וואס ער האט פערשפראכין פאר דיא מוטער מיט איר טאכטער, ער האט גלייך בעשטימט אגרויסין געהאלט פאר דיא קראנקע, אונ אין פאל ווען זיא וועט שטארבין וועט דאס בעקומען איר טאכטער צייט זיא וועט לעבין.

43.

איין רייכער קויפמאן וואר אין דיא שטאט באבילאן, ער איז קיין אינדיען געפארין אונ איז דארטין געשטארבין, אונ ער האט בעפוילען אין זיין צוואה דאס זיינע צוויא זין זאלין אים גלייך ירשענען, דאס הייסט יעדער זאל בעקומען א העלפט פון זיין פערמעגין, נור ער האט אן געזאגט אין דער צוואה, דאס ער שיינקט הונדערט מוזינט רובל דורך דיא צוואה, איינעם פון זיינע זין, וואס דער ריכטער וועט בעווייזין דאס ער האט זיין פאטער זייער ליב, דער עלטערער זון האט גילאזט מאכין אטייערע מצבה אונ האט דאס געשטעלט בייא זיך אין הויז צום אנדיינקען, אונ דער אינגערער זון האט פיל צדקה געגעבין פאר דעם פאטערס
[…]ן אלע האבין געזאגט דאס דער עלטערער ליבט מער זיין
[…]טער וויא דער אינגערער, אונ אים קומט דער געשיינק, דער
[…]טער האט גילאזט צוא זיך בעידין קומען אונ האט צוא זייא
[…]אגט דאס ער האט בעקומען אבריף פון זייער פאטער דאס ער
[…]ז געזונט געווארין, אונ ער קומט באלד אהיים צוריק, דער עלטערער

זון איז באלד געווארין צוא מישט פון דיא נאבריכט, אונ האט געזאגט, אבער מיר האט פיל געלט געקאסט זיין גראבע, אבער דער איגגערער האט געזאגט געלויבט איז גאט פאר דיא גוטע נאכריכט. איך גיב אים אפ מיט פרייד דיא געלד אונ אלעס וואס איך האב פון אים געערבט, דוא וועסט ניט צוריק געבין, האט דער ריכטער צוא אים געזאגט, צוא דיר געהערט דיא הונדערט טויזינט רובל, דען דוא ליבסט דיין פאטער מער וויא דיין ברודער. אונ צדקה געבין פאר אים איז פיל וויכטיגער וויא אגוטע מצבה אים צוא שטעלין.

ענדע